בס"ד

עקב - תשפ"א - גליון י"ז

# טייערע אידן

דברי חיזוק ואמונה ע"י המשפיע הגה"ח ר' משה מנחם טויבענפעלד שליט"א

# דער געוואלדיגער כח פון שמירת עינים

## די לובלינער זאגט ווי אזוי מען דארף ארויס אויפן גאס

טייערע אידן! עס שטייט פון הייליגן לובלינער זי"ע, אויפן פסוק 'כי תצא למלחמה על אויביך ונתנו ה' אלוקיך בידיך' וגו'. ווען א מענטש גייט ארויס אויפן גאס, און ער גדענקט מיט א קלארקייט אז דאס גיין אין גאס איז א מלחמה מיטן יצר הרע - און ער גארטלט זיך אן צום מלחמה, לוחם צו זיין נגד דעם יצר - דעמאלס איז ער פארזיכערט אז 'ונתנו ה' אלוקיך בידיך' - אז ער וועט מנצח זיין דעם יצר הרע!

אויך שטייט אין מאור ושמש, אויפן פסוק 'ויסעו מקברות התאוה ויחנו בחצירות'. טייטשט ער אזוי, וועלכער איד קען זיך ערלויבן אז 'ויחנו בחצירות', אז ער וועט נישט געשעדיגט ווערן זייענדיג אינעם חצר - די גאס? דער תירוץ איז, 'ויסעו מקברות התאוה'! א איד וואס האט שוין באגראבן זיינע גשמיות'דיגע תאוות, ער זינדיגט שוין נישט, און די יראת שמים שיינט און לייכט פון זיין פנים - ער דארף נישט מורא האבן פונעם ויחנו בחצירות! און ער פירט אויס אז נאר א איד וואס האט זיך שוין גענצליך מזכך געווען, אז אפילו 'איינמאל א יאר' האט ער נישט קיין תאוות גשמיות, נאר אזא איינער מעג ארויסגיין אין גאס!!!

## און צו וואס איז מען זוכה אז מען היט זיך די אויגן

עס שטייט אין ספר חסידים (סימן תצה) 'העוצם עיניו מראות ברע - כל דבר צער שאדם סובל של אותו ענין עושים טובה לזרעו, יראה זרע יאריך ימים', עכ"ל! יעדע מענטש וואס שטרענגט זיך אן צוצומאכן זיין אויגן נישט צו קוקן ווי מען טאר נישט טוט ער א געוואלדגער טובה פאר זיינע קינדער.

אזוי אויך שטייט אין אמרי קודש פונעם הייליגער סטרעליסקער זי"ע, 'השומר עיניו יחיו בניו, ויגדלם בלא צער, ויציל אותו על ידי זה ממקרי הזמן', ע"כ. אז ווען א איד היט די אויגן וועלן זיינע קינדער לעבן און זיין געזונט און אויפצוען אן צער און דורך דעם וועלן זיין אפגעהיטן ווערן פון אלע צרות הזמן ה"יע

על כל פנים זעט מען פון די אלע הייליגע ווערטער, מצד אחד די געוואלדיגע שרעקעדיגע אחריות פון זיך היטן די אויגן אין גאס, ומצד שני, די אויסערגעווענליכע גרויסע שכר וואס השי"ת באצאלט פאר שמירת עינים באמת!

## דער מלמד פארשטייט נישט וואס איז פליצלינג געשען מיט מושה'לע, אבער דער טאטע, אוי ווי ער ווייסט!!

עס האט דערציילט הגה"צ רבי צבי מאיר זילבערבערג שליט"א, וואס האט עס געהערט פונעם בעל המעשה אליין! עס איז געווען א איד וואס האט געהאט א זיסער וואוילער אינגעלע מושי, אבער ווי זיס און וואויל ער איז נאר געווען, האט ער ממש נישט געקענט מיטהאלטן די לימודים אין חדר! ער האט זיך נישט געקענט קאנצענטרירן די קאפ, און ער האט כמעט גארנישט פארשטאנען פון די לימודים! ממש א רחמנות! דער געטרייער מלמד האט געזען אז דאס איז נישט קיין תכלית, און ער האט זיך כסדר פארבינדן מיט די עלטערן, און מעורר געווען אז עפעס מוז געטון ווערן פאר מושי, און ער דארף צוקומען צו ספעציעלע הילף.

אוודאי געוויס די געטרייע עלטערן, וואס זארגן אזוי שטארק פאר מושי'ס צוקונפט און טובה, האבן נישט געשפארט קיין כח, צייט און געלט, און זיי זענען ארומגעלאפן צו מומחים, און פראבירט צו באקומען די נויטיגע הילף, אבער אן ערפאלג, עס האט

גארנישט געהאלפן. נאך א לאנגע צייט שווער ארבעטן, און פראבירן אלעס אין דער וועלט, האבן זיך די עלטערן מייאש געווען, און געלאזט די זאך לויפן!

ויהי היום, איין שיינעם טאג, באקומט דער טאטע א טעלעפאן קאל פונעם מלמד! דער טאטע האט זיך שוין געגרייט צו איבערהערן נאכאמאל דעם זעלבן פזמון: ׳אז מושי איז נישט מצליח, און ער האלט נישט מיט״ וכו׳, ועוד ועוד, אבער... צום טאטנ׳ס איבערראשונג, הערט ער אינעם טרייבל גאר אן אנדערער פזמון ווי וואס ער איז געוואוינט! דער מלמד זאגט: ״אייער מושי איז נתהפך געווארן מן הקצה אל הקצה! זיין קאפ איז קלאר! ער פארשטייט אלעס! ער איז גוט קאנצענטרירט! ער קען גאר גוט! ברוך השם! וואס האט איר געטון מיט אים יעצט אנדערש ווי ביז היינט??? וועלכער ספעציאליסט האט אזוי גוט מצליח געווען אים צו עפענען דעם קאפ״?

ענטפערט דער טאטע: ״איך בין שוין נישט געגאנגען מיט אים צו קיין ספעציאליסט פאר א שיינע פאר וואכן״! פרעגט דער מלמד: ״נו, איז וועלכע וויטאמינען געבט איר אים, וואס האט אים אזוי אויסגעקלארט זיין קאפ״?! ענטפערט דער טאטע: ״איך געב אים שוין נישט קיין שום וויטאמינען״! דער מלמד לאזט זיך נישט, און פרעגט ווידער: ״נו? איז וואס האט איר יא געטון? איך זע דאך אז מושי איז נישט דער זעלבער ווי ביז היינט״? דער טאטע ענטפערט מיט תמימות: ״איך ווייס נישט, איך האב גארנישט געטון דערצו״! ער באדאנקט זיך פאר די נחת-גרוס, און ער לייגט אראפ דעם טעלעפאן מיטן מלמד!

האט דער טאטע טאקע נישט געוויסט פארוואס מושי האט זיך געטוישט? איז דער טאטע טאקע געווען אזא תמים? ממש נישט!!! דער טאטע האט שוין איינמאל געוויסט! נאר דער טאטע האט דאס געוואלט האלטן אין געהיימניס, נאר ער האט דאס דערציילט פאר א נאנטער חבר, וואס האט דאס איבערדערציילט פאר הגה״צ ר׳ צבי מאיר שליט״א, וואס האט דאס מפרסם געווען בשער בת רבים!

מעשה שהיה כך היה: פונקט 40 טעג פאר דעם נחת פאן קאל, האט דער טאטע געמאכט א חשבון הנפש, און ביי זיך אפגעמאכט, אז זיין שמירת עינים דארף א שטיקל תיקון, האט ער ארויסגענומען א פעדער און פאפיר, און זיך אונטערגענומען צוויי קבלות בכתב: א] ער איז מקבל צו היטן זיינע אויגן גייענדיג אין גאס, ווי שווער דאס זאל נאר נישט אנקומען. ב] ער ווארפט אוועק זיין סמארטפאון מיטן שוואכער פילטער, וועלכע איז אים אזויפיל מכשיל... און פון היינט און ווייטער נוצט ער נאר א כשר׳ן טעלעפאן, מיט א פילטער למהדרין מן המהדרין!

פון דעמאלס האט ער יעדן טאג פארן גיין צו די ארבעט, ארויסגענומען די צעטל מיט די קבלות, און האט עס איבערגעליינט מיטן גאנצן הארץ, און בשעת מעשה האט ער מתפלל געווען אז בזכות זיין שמירות עינים זאל זיך עפענען זיין זונ׳ס קאפ צו פארשטיין תורה, און נאר נאכדעם איז ער ארויס צו די ארבעט, און ער האט זיך טאקע שטארק געהאלטן צו די צוויי שווערע קבלות!

עס איז אריבער פונקטליך 40 טעג פון זיך היטן די אויגן, און פון האלטן נאר א כשר׳ן טעלעפאן, און... דאס וואונדערליכע האט פאסירט! ער האט געקריגן דעם נחת פאן קאל פונעם מלמד! אוי האט דער טאטע געוויסט פארוואס די זאך האט זיך געטוישט!!!

טייערע אידן! מיטן אויבערשטן לוינט זיך צו מאכן געשעפטן! ער באצאלט זייער שיין!

לאמיר זיך מחזק זיין בענין שמירת עינים, און עס איז ערווארטעט אותות ומופתים בשכר זה!

# לויף ארויס פון באס עס איז דא א באמבע

## מעשה נורא

### בלעם איז געווארן פארלוירן ווען ער האט געזען די שמירות עינים ביי אידישע קינדער

טייערע אידן! עס שטייט אין ספה״ק תפארת שלמה פרשת בלק, אויפן פסוק ׳וירא בלעם כי טוב בעיני ה׳ לברך את ישראל׳ וגו׳. אז אויפן פסוק ׳מה טובו אוהליך יעקב משכנותיך ישראל׳ זאגט רש״י ׳ראה שאין פתחיהם מכוונים זה מול זה׳. שטעלט זיך דער תפארת שלמה און פרעגט, וואס האט בלעם יעצט געזען אז ער זאגט ׳כי טוב בעיני ה׳ לברך את ישראל׳? איז ער מסביר אז ווען בלעם האט געזען אז אידן היטן זיך די אויגן, איז אין הימל אויך נתעורר געווארן אן עינא פקיחא, און השי״ת איז משגיח אויף אידן מיט אט דער עינא פקיחא, און בלעם האט פון דעם פארשטאנען אז השי״ת וועט אים יעצט נישט לאזן קיין שלעכטס טון פאר אידישע קינדער! דערפאר איז ׳וירא בלעם כי טוב ׳בעיני׳ ה׳ לברך את ׳ישראל׳.

## און וועלכע זכות האט ער געראטעוועט די גאנצער באס פונעם אויפרייס

איך האב געהערט אין דעם ענין א שיינע מעשה, וואס עס האט דערציילט הגה"צ רבי גמליאל רבינאוויטש שליט"א.

איך קען א אינגערמאן וואס איז גאר שטארק נזהר אין שמירת עינים, און ער טוט אלעס אין דער וועלט צו היטן זיינע אויגן!

איינמאל איז ער געפארן אויף א שטאטישע באס ווען די גאסן זענען געווען זייער אנגעלייגט, און דער פארקער (טרעפיק) האט זיך גערוקט גאר שטייטעלעך. דער אינגערמאן איז איינגעשלאפן, און ער חלומ'ט ווי איינער זאגט אים אז עס איז דא א פארדעכטיגטער פעקל (חפץ חשוד) אויפן באס, און מ'דארף שנעל אראפלויפן פונעם באס! ער וועקט זיך אויף, און ער טראכט 'נע! חלומות שוא ידברו'! און וישן ויחלום שנית... נאכאמאל חלומ'ט ער ווי מ'ווארנט אים אז עס איז דא א חפץ חשוד, און מ'ברויך אראפלויפן פונעם באס!

ער וועקט זיך אויף, דאסמאל האט ער זיך שוין גוט גוט דערשראקן, און ער נעמט זיך ארומקוקן, ביז... ער באמערקט אונטער איינע פון די זיצן א רענצל... האט ער געזען אז דער חלום איז נישט ממש קיין הוילע לופט... ער איז שנעל צוגעגאנגען צום באס-דרייווער, און אים פארציילט אז ער האט געזען אויפן באס א חפץ חשוד... מער האט נישט אויסגעפעלט צו זאגן... דער דרייווער איז ארייגעפאלן אין א פאניק, און האט אנגעהויבן שרייען מיט באנומענע קולות: "אלע לויפן אראפ פונעם באס שוין יעצט! עס איז דא א חפץ חשוד"!!! יעדער איז שנעל אראפגעלאפן מיט א בהלה! און דער דרייווער האט אלארמירט די פאליציי. זיי זענען אנגעקומען מיט א ספעציעלע ראבאט, און זיי האבן פארטריבן אלע צוקוקערס און אלע נייגעריגע... דער ראבאט איז ארויף אויפן באס, און ארויסגעשלעפט די רענצל, און מען האט פעסטגעשטעלט אז דאס איז טאקע א ריזיגע שרעקעדיגע מסוכנ'דיגע באמבע רח"ל!

זיי האבן דאס אויפגעריסן, און דער אויפרייס איז געווען אזוי הויעך און שוידערליך, אז אלע ארומיגע האבן געציטערט צו טראכטן וואס דא וואלט געקענט געשען!

דער אינגערמאן איז געווען אויסער זיך, אז מגלגלין זכות ע"י זכאי, אז ער איז געווען דער שליח נבחר מן השמים צו ראטעווען אזויפיל אידישע נפשות. ער איז ספעציעל אראפגעפארן קיין 'נהריה', צו הרה"ק רבי ישראל אבוחצירא זצוק"ל - דער 'באבא סאלי', און אים געפרעגט: "רבי, במה זכיתי אז איך בין געווען דער שליח צו ראטעווען אזויפיל אידישע נפשות"? און ער דערציילט אים דברים כהווייתן. ענטפערט אים דער באבא סאלי זי"ע, אז דאס וואס דו ביסט אזוי נזהר אין שמירת עינים - דאס איז אויף דיר מגין בגשמיות וברוחניות, און נישט נאר אויף דיר, נאר דו ביסט מגין אויף דיין גאנצע סביבה בזכות דיין שמירת עינים!

זעט מען דאך דער געוואלדיגער כח און זכות פון שמירת עינים!

### שמירת עינים די גרעסטע סגולה פאר:

# געזונטע און ערליכע קינדער

## און ווען דער גור'ר בחור וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט...

## דער געוואלדיגע כח פון שמירות עינים

טייערע אידן! עס שטייט אין ספר טהרת הקודש פון הרה"ק רבי אהר'לע ראטה זצוק"ל בענין שמירת עינים, און ער וויל ארויסברענגען די געוואלדיגע חשיבות און גדלות פון א איד וואס היט זיך די אויגן, שרייבט ער אז אלע צרות און יסורים קומט רח"ל כעונש פארן נישט היטן די אויגן, און מידה טובה מרובה ווער עס היט זיך יא אפ זיינע אויגן דער איז זוכה צו אלע גוטע השפעות בגשמיות וברוחניות, און נישט נאר דאס, נאר ער איז אויך משפיע פאר זיין סביבה ארום און ארום סיי ברוחניות - אז אלע זאלן האבן די כוחות הנפש צו היטן די אויגן - און סיי בגשמיות אלע גוטע השפעות טובות!

אזוי אויך שטייט אין ספר אורחות אהרן פונעם פריערדיגער פינסק-קארלינער רבי זצוק"ל, אז א איד וואס איז זיך מקדש און היט זיינע אויגן - ער איז אליינס נישט

משיג וואס ער טוהט אויף, סיי פאר זיך און סיי פאר דער גאנצע ארום און ארום, און ער איז מקדש זיך און דער פלאץ ווי ער געפונט זיך! און ער ברענגט פון הרה"ק מהרי"ץ מליובאוויטש זצוק"ל זי"ע וואס האט געזאגט אז אויב א איד גייט אין די גאס און ער היט זיך די אויגן און ער חזר'ט משניות אויסענווייניג איז ער מזכך ומטהר די אויר און שפעטער קען דארט אריבערגיין א צווייטער איד און ער באקומט א הרהור תשובה און ער ווייסט אפילו נישט פון וואס דער הרהור תשובה קומט, דאס אלע קומט פון דער איד וואס איז פריער געגאנגען און זיך מתגבר געווען אויף שמירת ענים, איז דערפאר איז זייער גערעכט פאר יעדער איד בשעת'ן גיין אין גאס צו היטן די אויגן פון קוקן ווי מען דארף נישט, און צו חזר'ן גמרא אדער משניות און נישט נתפעל ווערן פון די מלעיגים וואס שפעטן פון זיין קדושה וטהרה! ניין! נאר ער זאל זיך אנגארטלען מיט א געוואלדיגע גאוה דקדושה און ער זאל וויסן און געדענקען אז ער איז מקדש ומטהר זיך און ער איז אויך מזכה אנדערע אידן!

## ווען דער גור'ר בחור וועט ארויפקומען אויף יענע וועלט

איך האב געהערט אין דעם ענין א געוואלדיגער חיזוק מעשה: אין תל אביב איז געווען א פרייער איד וואס האט געהאט א געשעפט ווי מען האט געקענט קויפן נישט ערליכע בילדער און נאך בילדער-צוגעהערן, און כדי צו מאכן גוטע רעקלאמע און צו ציען קונים האט ער ארויסגעלייגט ביי די שויבן (שא"ו וינדאו"ס) גאר מיאס'ע און פריצות'דיגע בילדער רח"ל, און די בילדער האבן געטוהן א גוטע גארבעט און עס האט טאקע געשלעפט אסאך פרייע קונים, און דער בעל הבית פון געשעפט האט געפיהלט גוט אז ער איז אזוי מצליח דורך די רעקלאמע אז ער פלעגט אפילו קומען צום געשעפט שוין 8:30 אינדערפרי - א האלבע שעה פארן עפענען דאס געשעפט - און הנאה האבן צו זעהן ווי מענטשן קוקן זיך איין אין די בילדער רח"ל!

ויהי היום, ער שטייט אזוי אינדערפרי און האט הנאה ווי זיין רעקלאמע ציעט מענטשן אין פליצלינג זעהט ער ווי א יונגע 14 יעריגער גור'ע בחור'ל - וואס האט געלערנט אין דער דערנעבנדיגער גור'ער ישיבה גייט אריבער, און ער געבט א דריי אוועק זיין קאפ פון די בילדער מיט א פארעקלטע מינע אויפן געזיכט! נישט וועלנדיג נכשל ווערן צו זעהן די בילדער!! דער בעל הבית האט עס נישט געקענט פארשטיין, וואס שטערט דאס אים אזוי שטארק?? איז ער אים נאכגעלאפן און ער שרייעט אים "בחור'ל, וואס שטערט דיר אזוי די בילדער? פארוואס קוקסטו נישט אויף זיי?" האט דער בחור'ל געענטפערט קורץ און מיט'ן גור'ער שארפקייט "און וואס איז מיט ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם"? און דער בחור'ל לויפט ווייטער.... דער בעל הבית איז געבליבן שטייט שאקירט און געפלעפט!! אזא עזות דקדושה! אזוי געטריי צו זיין צום אייבערשטער? די מעשה האט דעם פרייער בעל הבית שטארק אויפגעשאקלט און צוטרייסלט און ער האט מחליט געווען אז ער וויל אויך זיין א געטרייע סאלדאט אינעם באשעפער'ס ארמיי! ער האט תשובה געטוהן און מקבל געווען אויף זיך עול תורה ומצוות! אבער נישט נאר דאס, ער האט אנגעהויבן טוהן און קירוב רחוקים און ער האט מחזיר בתשובה געווען טויזענטע בעלי תשובות! און ער האט האט מפרסם געווען דער מעשה מיטן גור'ער בחור'ל און ער האט פאר יעדעם געזאגט אז אלע זיינע פעולות זענען בזכות די איין סקונדע'דיגע שמירת עינים פונעם גור'ער בחור'ל!

ווען דער איד איז נפטר געווארן האט איינע פון די מספידים געזאגט, אז ווען דער גור'ער בחור'ל וועט נאך די הונדערט און צוואנציג ארויף קומען אויף יענער וועלט, וועט אים דארטן אפווארטן די שכר פון אלע מצוות, ומעשים טובים פון די אלע טויזענטע בעלי תשובה, און דער גור'ער בחור'ל וועט פרעגן "איך האב קיינמאל נישט געטוהן אין קירוב! דאס איז זיכער א טעות, איך האב געלערנט ש"ס בבלי און ירושלמי אזוי דער גור'ער רבי האט געהייסן, אבער אין קירוב האב איך קיינמאל נישט געטוהן?" וועט אים די בית דין של מעלה ענטפערן, יא יא! בפועל האסט נישט געטוהן אין קירוב, אבער מיט דיין שמירת עינים פון יענע פאר סקונדעס דארטן אין תל אביב האסטו זיך דאס אלעס ערליך פארדינט!

אה! ווי גרויס איז די שכר פון שמירת עינים!!

# זאל שוין זיין די גאולה

## פראנץ יאזעף אינעם מקום המקדש

טייערע אידן! מיר האלטן יעצט אין די ז' דנחמתא די טעג וואס דער אייבערשטער טרייסט כלל ישראל, נאך די טעג פון טרויערן אויפן ביהמ''ק! אין שולחן ערוך שטייט אז יעדן טאג דארף א איד מתאבל זיין אויף ירושלים, ובמיוחד אין די ניין טעג, ובפרט אינעם יום המר והנמהר תשעה באב, דארף מען גאר שטארק

וויינען און קלאגן אויף ירושלים, און אויפן בית המקדש, וואס זענען אזוי טראגיש חרוב געווארן, און מיר זענען פארטריבן געווארן אין גלות אריין, אבער אין תשעה באב איז אויך דא א שטיקל נחמה, ווייל ווי באקאנט איז משיח צדקנו געבוירן געווארן אין תשעה באב.

דער הייליגער מאור ושמש טייטשט אויפן פסוק 'לא תחרוש בשור וחמור יחדיו', זאגט ער אז כידוע ווערט יוסף הצדיק אנגערופן שור, און משיח ווערט אנגערופן עני רוכב על החמור, זאגט ער 'לא תחרוש' - זאלסט נישט שווייגן, נאר זאלסט נישט אויפהערן צו בעטן און מתפלל זיין אז 'בשור וחמור יחדיו' - אז משיח בן יוסף און משיח בן דוד זאלן שוין קומען במהרה בימינו אמן.

צדיקים פלעגן כל ימי חייהם מתאבל זיין אויפן חורבן בית המקדש, און שטארק שטארק מתפלל געווען און מצפה געווען אויף די גאולה שלימה!

הרה"ק דער שינאווע רב האט אמאל נאך שחרית אנגעהויבן זאגן: "וואס איז פשט אין די ווערטער פון פסוק 'הרימי בכח קולך מבשרת בת ציון'? מ'זאגט אז משיח וועט שוין קומען במהרה בימינו, און וועט אויפבויען די בית המקדש, וואס ווייסן מיר אונז וואס מיינט דאס משיח? וואס מיינט דאס בית המקדש? וואס מיינט דאס ירושלים"? און ער האט אנגעהויבן שרייען און וויינען מיט קולי קולות, אז מען האט דאס ארויסגעהערט ביז אינדרויסן אין גאס!

האט ער נאכדעם געזאגט דאס איז פשט, 'הרימי בכח קולך' - אונז דארפן שרייען, בעטן, האפן און ווארטן, און וועלן ביאת המשיח, בנין ירושלים און בנין בית המקדש, כאטש וואס מיר פארשטייען נישט וואס דאס איז בכלל! אבער דורך די אמונה וועלן מיר אויסגעלייזט ווערן!

אזוי אויך שטייט פון הרה"ק ר' מאטל סלונים זצוק"ל, אז דער רמ"א שרייבט אין 'תורת העולה', אז עס איז געווען א גרויסער פילאזאף וואס האט געטראפן ירמיה הנביא אין מצרים, און ער האט אים געפרעגט: "ירמיה ירמיה! פארוואס ביסטו אזוי פארנומען צו רודערן און איבערדרייען די וועלט וועגן די חורבן בית המקדש"? האט אים ירמיה הנביא מסביר געווען, אז די בית המקדש האט משפיע געווען שפע און אלע צרכים פאר די גאנצע וועלט, סיי פאר אידן און סיי פאר להבדיל גויים! און ער האט אים מסביר געווען פונקטליך וויאזוי די בית המקדש האט דאס געטון. אזויווי דער פילאזאף האט דאס געהערט האט ער באלד גע'חלש'ט!!!

האט רבי מאטל סלאנים דערציילט אזוי: "דער עסטרייכישער קעניג, פראנץ יאזעף, האט אמאל באזוכט אין ארץ ישראל, און ער איז אנגעקומען קיין ירושלים. פארשטייט זיך אז די אידישע איינוואוינער פון ירושלים של מעלה זענען ארויסגעגאנגען מקבל פנים זיין אזא חשוב'ער גאסט, ברוב פאר והדר, און אים אפגעגעבן דעם ריכטיגן כבוד מלכים וואס עס קומט זיך פאר אזא גרויסער קעניג! און ער האט געבעטן די אידן אז ער וויל גיין באזוכן דעם מקום המקדש, און זען דער אידישער חורבן. האבן אים די אידן געגעבן צו פארשטיין אז זיי זענען טמאי מתים, און זיי וועלן אים נישט קענען באגלייטן אויפן הר הבית, נאר ער וועט אריינגיין אליין, און זיי וועלן מוזן ווארטן אינדרויסן.

"בלית ברירה איז פראנץ יאזעף אליין אריין אינעם מקום המקדש, און די אידן האבן אים אפגעווארט אינדרויסן. נאכן ווילן אויפן מקום המקדש א שטיק צייט, איז פראנץ יאזעף צוריק אראפגעקומען פונעם הר הבית צו די אידן, און ער האט זיך אנגעליינט אויף זיין שטעקן, און ער האט מיט א צער אויף זיין פנים געזאגט פאר די אידן דארט: "איר האט א מזל אז איר פארשטייט נישט, און איר שפירט נישט, אייער אייגענעם חורבן, ווייל ווען איר וואלט ריכטיג פארשטאנען און געפילט ווי גרויס אייער חורבן איז, וואלט איר נישט געקענט דערהייבן און איבערטראגן דעם צער, און איר וואלט געשטארבן פון גרויס צער"!!!

האט ר' מאטיל סלונים זי"ע אויסגעפירט: "ס'איז יתכן אז דער גוי'אישער קעניג האט געהאט אזא שטארקע הרגשה וואס אפילו א איד האט נישט"!

על כל פנים זעט מען פון אז דער קדושת בית המקדש איז נאך דא עד היום הזה!

דער הייליגער מאור עינים טייטשט אויף עטליכע פלעצער, אויף די פסוק 'הנה אנוכי שולח לכם את אליהו הנביא'. שולח איז א לשון הוה, אז דער אויבערשטער האלט אונז אין איין שיקן אליהו הנביא, ווייל דאס וואס א איד האט א תשוקה צום אויבערשטן פארן דאווענען, דאס קומט פון אליהו הנביא, און דורכדעם וואס מען דאווענט איז דאס א בחינה פון משיח!

אזוי אויך יעדעס מאל וואס א איד איז מבשר א גוטע בשורה, ווערט נתלבש אין דעם מבשר, און אין דער וואס באקומט די בשורה טובה, די בחינה פון משיח!

עכ"פ זעט מען אז קדושת ירושלים און קדושת בית המקדש, אלעס איז דא, און א איד קען אין זיך מלבש זיין די בחינה פון משיח און אליהו הנביא. מ'זעט דאס נישט מיט די אויגן, אבער די אלע זאכן זענען דא! און דער נצחיות דעפון איז אונזער נחמה.

# ר' מאיר פאכטמאן שליט"א
## אין חסד שטוב אין קלאמביע שפיטאל, מעשה פלא

איך האב געהערט א מורא'דיגע מעשה פון הרה"ח ר' מאיר פאכטמאן שליט"א, א מעשה וואס ער האט אליין מיטגעהאלטן דעם פארגאנגענעם שבת פרשת פינחס. מעשה שהיה כך היה: ער איז געווען שבת פרשת פינחס אין קאלאמביע שפיטאל, צו זיין מיט זיין טאטע וואס האט נישט גוט געפילט.

שבת אינדערפרי איז ער געגאנגען צו די 'חסד שטוב' צו מאכן קידוש. טרעפט ער דארט א ספרדי'שער איד, ר' שלמה ידידיה איזריאל שליט"א. זאגט ר' מאיר צו אים: "אפשר ווילסטו קידוש מאכן"? הייבט ר' שלמה ידידיה אן צו וויינען, און ער זאגט אז ער איז יעצט געווארן אן אונן, ווייל זיין טאטע ע"ה איז ממש אפאר מינוט צוריק אוועק (ער האט נישט געוויסט אז שבת איז מען נישט קיין אונן), און ער קען נישט מאכן קיין קידוש!

זאגט אים ר' מאיר: "וויין נישט! שבת טאר מען נישט וויינען!" און ער הייבט אים אן מחזק צו זיין. זאגט אים ר' שלמה ידידיה: "ווייסטו וואס? אויבן אין מיין טאטנ'ס צימער זענען דא מיין משפחה, און זיי זענען זייער צעבראכן, אפשר קומסטו ארויף אונז אלע מחזק צו זיין"? האט ר' מאיר מסכים געווען.

ער קומט אריין אין צימער, און ער זעט אז דער נפטר איז נאך אויפגעדעקט, האט ער גענומען א ליילעך און צוגעדעקט דעם נפטר, אזוי ווי די הלכה איז, און ער זעט דארט די משפחה, א 80 יעריגע מאמע - א פרישע אלמנה, און 5 קינדער, און אלע וויינען דארט. האט ער זיי אנגעהויבן מחזק צו זיין, אז עס איז היינט שבת, און מען טאר נישט וויינען, און אז עס איז פרשת פינחס, און פינחס איז דאך אליהו הנביא, און בזכות דעם וואס זיי וועלן נישט מתאבל זיין אום שבת, וועט אליהו קומען מבשר זיין בשורות טובות.

אזוי ווי ער האט ארויסגעזאגט פון מויל דאס ווארט 'אליהו הנביא', האט ער געזעהן אז ער האט געזעהן אז אלע זענען געווארן עפעס זייער איבערגענומען! פרעגט ער זיי: 'וואס איז געשען'? ענטפערט אים די מאמע, ווען מיין שלמה ידידיה איז אלט געווען 7 יאר, האט ער געהאט א שווערע קאר עקסידענט, און איך מיט מיין מאן ע"ה זענען געפארן מיט אים אין שפיטאל אריין, און ער איז געלעגן על ערש דוי, און אלע דאקטוירים האבן געהויבן הענט, און זיי האבן פארזיכערט אז ער וועט דאס נישט אדורכמאכן!

די מאמע דרייט זיך אויס צו ר' שלמה ידידיה, און זאגט אים: "דו פארצייל אים די המשך פון די מעשה". דערציילט ר' שלמה ידידיה אזוי: "איך בין אזוי געלעגן, און געווען כמעט אויף יענע וועלט. פלוצלינג זע איך אין חלום ווי א איד א בעל צורה, מיט ווייסע בגדים, קומט מיר אנטקעגן. איך קוק מיר איין אין זיין צורה, זע איך אז דאס איז מיין זיידע'ס צורה. דער איד קומט צו צו מיר, און ער זאגט מיר: "איך בין אליהו הנביא! און איך בין דיר געקומען מבשר זיין א בשורה טובה, אז דו גייסט בלייבן לעבן און געזונט ווערן, און די דאקטוירים ווייסן נישט וואס זיי רעדן!"

פרעג איך אים: "אויב ביסטו אליהו הנביא, פארוואס זעסטו אויס ווי מיין זיידע". ענטפערט ער: "ווייל איך האב דיר נישט געוואלט דערשרעקן"! און דער צורה הייבט אן אוועקגיין. פרעג איך אים: "פארוואס גייסטו שוין אוועק אזוי שנעל"? ענטפערט ער מיר: "ווייל איך בין דיר געקומען מבשר זיין די בשורה טובה, ווייל דאס איז מיין תפקיד מבשר צו זיין גוטע בשורות, און איך יאג מיר שוין צו מיין נעקסטע שליחות, מבשר צו זיין די נעקסטע בשורה טובה"! און דער צורה איז נעלם געווארן!...

מיין טאטע ע"ה איז נישט דארט געווען בשעת מעשה, ווייל ער איז שוין געלאפן רופן די חברא קדישא, אויפן סמך די ווערטער פון די דאקטוירים... און מיין מאמע האט אזוי געהערט ווי איך רעד, אבער זי האט נישט געהערט דעם קול פון דעם מיט וועמען איך האב גערעדט, האט זי מיר בשעת מעשה געפרעגט: "מיט וועמען רעדסטו"? אבער איך האב איר געזאגט: "שטער מיר נישט! איך רעד יעצט מיט א הייליגער מענטש"!

איך בין טאקע שלא כדרך הטבע געזונט געווארן, און היינט בין איך שוין 40 יאר אלט ב"ה! ווען איך האב דערציילט די מעשה פאר מיין משפחה - נאך וואס איך בין געזונט געווארן - האבן זיי דאס נישט געוואלט גלייבן - נע! א 7 יעריג אינגל זעט אליהו הנביא, אבער איך האב מיר געהאלטן ביי מיינס, אז אזוי איז באמת געווען! איז אונזער משפחה געגאנגען פרעגן פון א ספרדי'שער חכם, אויב די מעשה קען זיין אמת? האט דער חכם געענטפערט אז עס קען זיין אמת, ווייל איך בין א 7 יעריג אינגל, און מיין מח איז נאך ריין, און מיר האבן נישט קיין טעלעוויזיע אינדערהיים!

על כל פנים זעט מען אז אפילו בזמנינו קען א איד זוכה זיין צו א בחינה פון אליהו הנביא, דורכן מבשר זיין בשורות טובות, און דורך תורה ותפילה!

# אין די ערגסטע מינוטן דארט אין סיביר האט מען פון הימל אנגעגרייט זיין שידוך

## פארציילט הרה"ח צבי ראובן דאווידאוויטש הי"ו

טייערע אידן! עס שטייט אין ספה"ק תפארת שלמה בשם א מדרש אויפן פסוק אין איכה (ב, ח) 'חשב ה' להשחית חומת בת ציון נטה קו' וגו'. אז בשעת'ן חורבן, און ממש בשעת ווען השי"ת האט משחית געווען די חומות ירושלים, האט שוין השי"ת צוגעגרייט א קו - א ליניע, צו קענען צוריק אויפבויען דעם בית המקדש השלישי!

זאגט די תפארת שלמה ביי אלע ענייני עולם הזה קענען בשום אופן נישט צוקומען צו קיין תיקון און צו קיין תכלית, נאר דורך א חורבן, למשל כדי צו קענען פלאנצען א בוים אדער יעדע סארט געוויקס, מוז די קערל קודם פארפוילט ווערן אין די ערד, און נאר נאכדעם קען דערפון ארויסוואקסן א שיינע בוים.

לענינינו, כדי זוכה צו זיין צו די גאולה שלימה און צום ריכטיגן בנין בית המקדש, האט געמוזט קודם זיין א חורבן בית המקדש, אבער דער מטרה דערפון איז די גאולה שלימה! נאכמער! ווען איז משיח געבוירן געווארן? דוקא אינעם יום המר והנמהר תשעה באב, ווייל ווי פריער דערמאנט, כדי עס זאל קענען געבוירן ווערן א משיח, מוז קודם זיין א תשעה באב - א חשכות!

אזוי אויך שטייט אין ספה"ק קדושת לוי אויפן פסוק אין איכה (ג, י) 'דוב אויב אורב הוא לי ארי במסתרים'. אז בשעת'ן חורבן האט דאס אויסגעזען ווי די גרעסטע מאס דינים, אבער אינ'אמת'ן אריין איז אין דעם חורבן געווען באהאלטן גרויסע חסדים ורחמים. טייטשט ער מיט דעם אזוי, 'דוב אורב הוא לי' - בשעת'ן חורבן האט די זאך אויסגעזען אזוי ווי א דוב אורב, וואס איז כולו דינים, אבער אינ'אמת'ן אריין איז דאס געווען 'ארי במסתרים', ארי איז מרמז אויף חסדים ורחמים, ווייל עס איז די צד הימין פונעם מרכבה.

אזוי אויך שטייט אין ספה"ק מאור עינים פארוואס די גלות איז אזוי לאנג, ווייל די ערשטע צוויי בתי מקדשות איז געווען אנטקעגן אברהם און יצחק, אבער די בית המקדש השלישי איז אנטקעגן יעקב אבינו, וואס איז כולו רחמים, און די הנהגה פון רחמים וועט זיין ווען משיח וועט קומען, און דעמאלס וועלן בטל ווערן אלע גבורות און דינים! און די בית המקדש השלישי וועט זיין א בנין עליון ונפלא בפלאות ועושה למעלה מן הטבע, און דעם אויבערשטנ'ס נאמען וועט נתפרסם ווערן מאוד מאוד, און די ישועה וועט זיין לעולמי עד און מען וועט שוין בכלל נישט זען קיין דינים. און וויבאלד דער גאולה וועט זיין אויף אייביג בלי הפסק, דערפאר זה לעומת זה איז די גלות אויך שרעקליך לאנג, ווייל יתרון האור מן החושך.

איך האב געהערט א מעשה פלא פון הרה"ח צבי ראובן דאווידאוויטש הי"ו, וואס ער האט געהערט זיין שווער ז"ל, וועלכער איז געווען אן איש חשוב מאד, און איז געווען בהני חבורתא פונעם הייליגן ריבניצער רבי זצוק"ל נאך אין רוסלאנד, אונטער די נאז פון די רשעות'דיגע קאמוניסטן.

ער האט געוואוינט אין טשערנאוויץ, און ביי אים אינדערהיים האט זיך געדרייט א אידישע מיידל, וואס האט זיך געוואלט זיין און וויילן אין אן ערליכע שטוב און אין א ערליכע סביבה.

ויהי היום, טראגט מען איר און פאר א שידוך א רוסישער בחור, ער האט אויסגעזען אזוויוי רוב אידישע רוסישע בחורים נעבעך, אז מען האט קוים קוים געקענט אויף זיי אנזען אז זיי זענען אידן, און ביים זיך טרעפן מיט די בחור האט מען אים געפרעגט וועגן זיין אידישקייט, און דער בחור רופט זיך אן: "איך בין א איד"! פרעגן זיי אים: "דו פירסט זיך אויף ווי א איד"? ענטפערט ער: "יא"! האט ער געטראכט אז דאס קען אפשר זיין א פאסיגער שידוך פאר דאס ערליכע מיידל, ווייל קיין ערליכע בחורים זענען נעבעך נישט געווען בנמצא.

און מזל טוב! בשעה טובה ומוצלחת איז דער שידוך געווארן! אבער... נישט פאר צו לאנג... דעם ערשטן פרייטאג צונאכט נאכן שידוך, איז דער חתן דינן געקומען אויפפיקן זיין כלה מיט זיין קאר... עס איז איר שווארץ געווארן פאר די אויגן! דאס הייסט זיך געפירט ווי א איד?!?! א מחלל שבת?!?!

איז זי שנעל געלאפן צו איר בעל אכסניא, און אנגעהויבן וויינען ביטער אז זי איז אריינגעפאלן מיט א מחלל שבת רח"ל!! האט ער איר בארואיגט: "עה! הגם עס איז גאר הארב צו צעווארפן א שידוך אבער און

אזא פאל אז ער איז א אפענער מחלל שבת איז דאך נישט קיין שאלה און דו דארפסט זיך גארנישט זארגן! אינמיטן די וואך וועל איך רופן נאך צוויי אידן, און מ'וועט לאזן רופן דעם בחור, מ'וועט שוין טרעפן עפעס א תירוץ פארוואס מ'וויל אפלאזן דעם שידוך, און מ'וועט זאגן 'מותר לך מותר לך', און דו וועסט בעזהשי"ת קענען חתונה האבן מיט אן אמת'ער ערליכער בחור!"

כך הוה, זונטאג האט ער ארויפגערופן נאך צוויי אידן, און אויך דעם בחור, און מען האט פאר דעם בחור פארקויפט א תירוץ אז דאס מיידל איז קראנק, און מען האט געשטעלט א בית דין און זיי האבן געזאגט 'מותר לך מותר לך', און מזל טוב בשעה טובה ומוצלחת די שידוך איז געווארן אויס! און דער בחור איז זיך געגאנגען זיין וועג.

עס איז אריבער פון דעמאלס אפאר חדשים, און אין א שיינעם טאג איז דארט אנגעקומען א חשוב'ער חסיד'ישער בחור, וואס איז בימים ההם געווען א זעלטענער חידוש, און עס האט ממש ארויסגעשריגן דאס איידלקייט און ריינקייט פון זיין צורה, און א שדכן איז געקומען עס אנגעטראגן פאר די מיידל, און ער זאגט אז ער האט געהערט אז דא האלט זיך אויף אן איידעלע ערליכע צניעות'דיגע מיידל, און אפשר איז דאס פאר אים א פאסיגער שידוך. ביים זיך טרעפן, פרעגן זיי אים: "פון וואו קומסטו"? ענטפערט ער: "פון סיביר"! און ער דערציילט זיי אזא מעשה: "די רשעים, די קאמוניסטן ימ"ש, וואס האבן געוואלט אויסרייסן אידישקייט, האבן מיר פארטריבן קיין סיביר, צוזאמען מיט נאך טויזנטער ערליכע אידן, און מיר זענען דארט געווען פארשקלאפט, און מיר האבן דארט געארבעט שווער און ביטער מבוקר ועד ערב, און זיי האבן דוקא געמאכט אז די ערליכע אידן זאלן שלאפן אינאיינעם מיט נידריגע טמא'נע גויים, כדי מ'זאל זיך מיט זיי אויסמישן, און פון זיי זיך אפלערנען ה"י".

דערציילט ער ווייטער: "איך בין אויך געשלאפן אין איין צימער מיט נידריגע גויים, אבער איך האב מיר געהאלטן ביי מיינס, און יעדע נאכט נאכן ארבעט האב איך געהאט מיינע שיעורים, און איך האב מיט די גויים נישט געהאט קיין מגע ומשא! איין נאכט האבן זיך די גויים געזעצט שפילן שאך, און כדי צו מאכן דעם שפיל מער אינטערעסאנט האט מען אפגעמאכט אז ווער עס פארלירט דעם שפיל, וועט מוזן אונטערצינדן א גאנצע מאגאזין מיט האלץ, א זאך אויף וואס מען האט געקענט באצאלן מיטן לעבן! און זיי האבן דארט געשפילט, ביז איינער האט טאקע פארלוירן? נו! יענער האט גאנץ ווייניג חשק געהאט צו אונטערצינדן דעם מאגאזין, וויסנדיג וואס עס קען אים קאסטן, אבער ער האט נישט געהאט קיין צוויי ברירות, ווייל זיינע 'חברים' זענען געווען קאלטבלוטיגע רוסישע מערדער, און אויב ער וועט נישט פאלגן דאס וואס מען האט אפגעמאכט, וואלטן זיי אים קאלטבלוטיג ערמארדעט.

"בלית ברירה האט ער אנגעצינדן א גרויסער מאגאזין פון האלץ. עס איז נישט אדורך קיין פאר מינוט, און די קעי.דזשי.בי. זענען געקומען צו לויפן, זוכנדיג דעם פארברעכער וואס האט דאס געטון. נו, האבן זיי דאך רחמנות באקומען אויף זייער חבר, האבן זיי ארויפגעלייגט דעם שולד אויף... דעם איד! און עס האט מיר נישט געהאלפן קיין פודינו ומצילנו, ווייל עס זענען געווען אסאך עדות אנטקעגן מיר.

"מען האט מיר געקייטלט און אוועקגעפירט צו א שופט, און מיט נסי ניסים האט ער מיר נישט געגעבן קיין טויט-שטראף נאר 'בלויז' אפאר יאר אין א שווערע תפיסה. איך האב מיר פראבירט אגאנצע צייט מחזק צו זיין אז דער אויבערשטער טוט נאר גוטס, און עס וועלן נאך זיכער קומען בעסערע צייטן! און ממש אזוי איז געשען! ישועת ה' כהרף עין, נאך אפאר חדשים זיצן איז מען איין טאג אריינגעקומען צו מיר, און געמאלדן אז איך בין באפרייט! פארוואס? פרעג איך? זאגן זיי מיר אז די גויים פון מיין צימער האבן זיך צעקריגט, און איינער האט גע'מסר'ט דער גוי וואס האט טאקע אונטערגעצינדן דעם מאגאזין פון האלץ, און די פאליציי האט דאס אויסגעפארשט, און זיי זענען געקומען צו די החלטה אז יענער האט דאס טאקע געטון, און איך בין אומשולדיג! און מען האט מיר באפרייט, ברוך השם! און ממש נאכדעם בין איך דא אהערגעקומען"!

אזוי ענדיגט דער חסיד'ישער בחור דערציילן זיין מעשה. פארשטייט זיך אז זיי זענען זייער ערשטוינט געווארן פון דעם בחור'ס מעשה, און זיי פרעגן אים: "אפשר געדענקסטו וועלכע נאכט איז געווען דער פייער און מען האט דיר ארעסטירט"? טראכט ער אפאר מינוט, ביז ער דערמאנט זיך אז דאס איז געווען יענע און יענע זונטאג!

האבן זיי געמאכט א חשבון, און עס האט זיך ארויסגעשטעלט אז אין די זעלבע מינוטן וואס מען האט אים ארעסטירט, האט דער בית דין מתיר געווען דאס מיידל אפצולאזן דעם שידוך מיט יענעם מחלל שבת! האט מען קלאר געזען ווי אין דעם בחור'ס גרעסטער פינסטערניש איז געווען באהאלטן א גרויסע ליכטיגקייט! און דער שידוך איז טאקע געווארן, און זיי האבן זוכה געווען אויפצושטעלן א בית נאמן לה' ולתורתו ולעבודתו יתברך שמו!

זעהט מען פון דעם אז אין די גרעסטע פינסטערניש גרייט שוין דער אייבערשטער אן די ישועה

זאלן מיר טאקע בקרוב זוכה זיין צו ביאת גואל צדק און צום בנין בית המקדש השלישי, במהרה בימינו אמן!

# סיפורי צדיקים

## ▪ א קפיטל אין בטחון: ביים הייליגער טשארטקובער

די וואך שטייט אין פרשת עקב שטייט אין פסוק 'וזכרת את ה' אלקיך כי הוא הנותן לך כח לעשות חיל', דארף מען געדענקען אז דער אויבערשטער איז דער וואס ברענגט פרנסה, וואס געבט כח צו מאכן געשעפטן.

הרה"ג ר' מאיר שפירא זצ"ל האט דערציילט, אז נעבן די שטאט טשארטקוב איז געווען א גרויסער וואלד, די נחלה פון א גרויסער פריץ. ווען דער פריץ איז אלט געווארן, האט ער מחליט געווען אז ער גייט פארקויפן דעם וואלד, און ער גייט אויסגעבן די געלט אויף צו לעבן א הוללות'דיגע לעבן פאר ער שטארבט. האט ער מפרסם געווען אז ער גייט פארקויפן דעם וואלד, און ס'איז געפאלן די גורל אויף איינער פון די טשארטקוב'ע חסידים, וואס האט געוואוינט נעבן דעם וואלד, אז ער האט געגעבן די בעסטע הצעה, ממילא האט ער זוכה געווען דערין.

דער חסיד איז געקומען צום הרה"ק דער טשארטקובער זצוק"ל, און נאך וואס ער האט אראפגעלייגט דעם קוויטל, דערציילט ער אז ער האט זוכה געווען אין דעם געשעפט, און ער שטייט פארן קויפן די וואלד פון דער פריץ, און לויט ווי ס'קוקט אויס וועט זיין די הצלחה מורא'דיג שטארק, און ער וועט רייך ווערן פון די געוואלדיגע עסק, וויבאלד ער האט באשטימט מיטן פריץ אויף א קליינע פרייז.

ער האט געענדיגט רעדן, ער האט זיך געזעגנט, האט אים דער רבי אנגעוואונטשן, און ער געבט אים א זאג: "וועגן דער וואלד, איך זאג דיר דו זאלסט עס נישט קויפן"...

דער חסיד האט זיך זייער געוואונדערט, דער רבי האט דאך געהערט אלע סיבות און אלע סברות אויף די הצלחה פון דער וואלד, און ער האט אפילו נישט געפרעגט קיין עצה פונעם רבי'ן, צו יא קויפן צו נישט קויפן, ער האט דאך נאר פארציילט, און ס'האט אים געברענט די געוואלדיגע תאוות הממון. אזוי האט זיך אים געדרייט אין קאפ אהין און צוריק וואס ער זאל טון.

ווען ער איז אנגעקומען אהיים, האט ער נישט געקענט מתגבר זיין אויף זיין יצה"ר, ער האט געגעבן די געלט פארן פריץ, און אפגעקויפט די וואלד, און ער איז געפארן מיט זיין ארבייטער צו שניידן די העלצער אויף צו פארקויפן.

זיין שמחה האט נישט גענומען צו לאנג, ער איז צוגעקומען צום ערשטן בוים, און ער האט עס אנגעהויבן צו שניידן, איז ער געוואויר געווארן אז די גאנצע בוים איז פול מיט ווערעם פון אינעווייניג. אזוי איז ער געגאנגען פון איין בוים צום צווייטן, ביז ער האט געזען אז אין די גאנצע וואלד איז גארנישט נישט דא, קוים וואס ער האט געטראפן אפאר געזונטעביימער, און ער האט געזען אז זיין גאנצע געלט איז אריין לטמיון, און ער בלייבט א בלוטיגער ארעמאן.

נאך אפאר טעג זיך ארומדרייען צעבראכן, ער האט נישט געהאט די חוצפה צוריקצופארן קיין טשארטקוב, ווייל ער האט זיך מורא'דיג געשעמט פון רבי'ן, דער רבי האט אים דאך אנגעווארנט ער זאל נישט טון די געשעפט.

אזוי איז ער דורכגעגאנגען צוויי יאר. ביז ער האט געטראכט, נישט גענוג איך האב פארלוירן מיין געלט, וועל איך פארלירן מיין רבי אויך? איז ער געפארן קיין טשארטקוב, און פארציילט פארן רבי'ן אלעס וואס איז געווען, ער האט זיך אויסגעגאסן דאס הארץ אז ער האט נישט געפאלגט, און מ'האט אים באשטראפט אויף דעם.

האט אים דער רבי' געזאגט: "חלילה וחלילה, נישט וועגן מיר האט מען דיר באשטראפט; דאס וואס איך האב דיר געזאגט דו זאלסט נישט קויפן די וואלד, איז געווען ווייל ווען דו ביסט געקומען, און דו האסט מיר דערציילט די מורא'דיגע הצלחה, און וואספארא עושר דו וועסט זיין ווען דו וועסט קויפן די וואלד, האב איך פארשטאנען אז דו ביסט זיך בוטח מער אין דיר אליין, און דו פארלאזט זיך נישט אויפן אויבערשטן, האב איך דיר מייעץ געווען אז אזא געשעפט זאלסטו נישט טון, ווייל איך בין זיכער געווען אז דו וועסט נישט מצליח זיין.

## ▪ הרה"ק ר' מאיר הגדול מפרימשלאן ביים הייליגער בעל שם

דעם שבת כ"ב מנחם אב איז דער יארצייט פון הרה"ק ר' מאיר הגדול פון פרעמישלאן זצוק"ל, ער איז געווען א תלמיד חבר פונעם הייליגן בעל שם טוב הק'.

איינמאל מוצאי שבת האט ער געהייסן מ'זאל צוגרייטן דעם וואגן, און ער איז געפארן צום בעל שם טוב אויף מלוה מלכה, ער האט געהאט קפיצת הדרך, ווייל מ'האט נישט געקענט אנקומען אין איין

נאכט פון פרעמישלאן ביז מעזיבוז. ער איז אנגעקומען צום בעל שם טוב האט ער געזאגט אז ער איז געקומען אויף מלוה מלכה, און איך האב מיטגעברענגט א רפואה פאר די טאכטער פון בעל שם טוב הצדיקית 'אדל' ז"ל, וואס זי איז געווען זייער קראנק, אבער איך וויל עסן א פליישיגע מלוה מלכה, און איך וויל אז די טאכטער אדל זאל קאכן די מלוה מלכה.

האט דער בעל שם טוב געזאגט, קום לאמיר גיין זען, זי איז זייער אויסגעמאגערט, זי איז א גרויסע בעלת יסורים, וועט מען זען צו זי קען אראפגיין פון בעט.

דער בעל שם טוב איז אריינגעגאנגען צום טאכטער, און ער האט איר געפרעגט וויאזוי זי פילט, צו זי קען אראפגיין און קאכן, ווייל ר' מאיר הגדול איז געקומען אויף מלוה מלכה. האט זי געזאגט אז יעצט פילט זי בעסער, און זי קען אראפ פון בעט און קאכן.

דארט זענען געווען אירע צוויי קינדער, דער הייליגער רבי ר' ברוכ'ל זי"ע און דער הייליגער דגל זי"ע, און זיי זענען געשלאפן אין בעט צוזאמען, און איינער פון די קינדער האט אנגעפאנגען צו וויינען, האט אדל אים גענומען אין איר האנט, האט דער צווייטער אנגעפאנגען צו וויינען, האט זי אים גענומען אויפ'ן צווייטן האנט, און אזויוי זי האט זיי אויפגעהויבן האט זי געזען אז די וואנט נעבן וואו זיי זענען געליגן איז צאמגעפאלן, און טאמער זיי וואלטן געליגן ווייטער אין בעט, וואלטן זיי חס ושלום די וואנט אויף זיי ארויפגעפאלן ה"י.

דער בעל שם טוב האט געהערט די געוואלדיגע רעש, איז ער אריינגעגאנגען, האט ער געזען ווי זייער בעט איז פול מיט שטיינער. האט דער בעל שם טוב געזאגט פאר ר' מאיר הגדול, כנראה אז מ'האט דיך מגלה געווען פון הימל וואס גייט געשען, מגלגלין זכות על ידי זכאי, האט מען דיר דא אהערגעשיקט צו ראטעווען מיינע קינדער, און דאס אז מ'האט עס מיר נישט מודיע געווען, ווייל עס איז דא אמאל וואס מען איז מודע פאר א געוויסע צדיק אז ער דארף מתקן זיין די זאך , האט מען דיר אהערגעשיקט אז דו זאלסט ראטעווען די קינדער, און אויך צו ברענגען א רפואה פאר מיין טאכטער.

## ■ גאלדענע רענליך באהאלטן אינעם בינען שטאק

אויך האט דערציילט ר' מאיר פרעמישלאנער פון זיין זיידן ר' מאיר הגדול, די געוואלדיגע זכיה וואס ער איז צוגעקומען דורך זיין בטחון אין אויבערשטן. איינמאל האט ר' מאיר הגדול מחליט געווען אז ער וועט איבערלאזן זיינע געשעפטן, און ער גייט זיצן אגאנצן טאג אין בית מדרש און לערנען, ער האט זיך געפירט אזוי א לאנגע צייט, ביז זיין הויז איז געווארן ליידיג, ס'איז נישט געווען קיין ברויט, און די דחקות איז געווען געפערליך.

איינמאל איז אריינגעקומען א גוי א פויער, און ער האט געוואלט פארקויפן א בינען שטאק פאר ר' מאיר הגדול, און אסאך סוחרים זענען געשטאנען אויף די מציאה, אבער דער גוי האט געזאגט אז ער פארקויפט עס נאר פאר ר' מאיר'ל. מ'האט אים נישט געטראפן, איז מען געגאנגען צו אים אהיים, און מ'האט אנגעטראגן די בינען שטאק פאר זיין רביצין. די רביצין איז געגאנגען פרעגן אין בית מדרש צו זי זאל קויפן די בינען שטאק, האט ער געזאגט אז זי זאל עס קויפן, האט זי געבארגט צוואנציג רייניש, און האט באצאלט פארן גוי.

ר' מאיר איז אהיימגעקומען פון בית מדרש, האט ער אנגעפאנגען ארויסנעמען די האניג. פלוצלינג האט ער געזען אז די פלאר פון די בינען שטאק איז גדאפלט, ס'איז נישט דא אזויפיל האניג וויפיל ער האט געמיינט, נאר ס'איז דא מער האלץ, ס'איז א דיקע פלאר. ר' מאיר האט נישט פארלוירן זיין בטחון, ער האט געזאגט 'גם זו לטובה', און ער האט אנגעהויבן צו צענעמען די בינען שטאק, ער זאל כאטש האבן די האלץ פון דעם.

פלוצלינג איז ארויסגעקומען א געוואלדיגע שמחה ביי די בני המשפחה, ווייל מ'האט געזען אז צווישן די צוויי פלארס איז געווען באהאלטן אסאך גאלדענע רענדליך.

ר' מאיר הגדול האט נישט געוואלט נהנה זיין פון דעם, ער האט געמיינט אז דאס איז דעם גוי'ס, און דער גוי האט פארגעסן דערפון, האט ער געווארט ער זאל קומען נאכאמאל. ווען דער גוי איז געקומען האט ער אים אנגעפאנגען אויסצופרעגן וועגן די בינען שטאק. האט אים דער גוי פארציילט אז ער איז געגאנגען אין וואלד, און ער האט עס געטראפן און האט עס פארקויפט.

האט ר' מאיר פרעמישלאנער געזאגט, גרויסע גרויסע הערן האט צאמגעזאמלט די געלט פארן זיידן ר' מאיר הגדול, און דאס איז געווען וועגן זיין גרויסע בטחון וואס ער האט געהאט אין אויבערשטן.

זכותו יגן עלינו ועל כל ישראל, דער אויבערשטער זאל העלפן מיר זאלן אלע האבן א פרייליכן שבת!